**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/3/2025 **KATHY HOCHUL גאווערנער**

**גאווערנער Hochul מוטיגט ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר פארפלייצונגען פון אייז שטיקער**

***צולאזטע שניי, רעגן און באוועגונג פון אייז קענען פאראורזאכן פארפלייצונגען פון אייז שטיקער ביז דאנערשטאג אין טיילן פון מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק און נארט קאנטרי***

***העכער פון נארמאלע טעמפעראטורן צוזאמען מיט רעגן קענען רעזולטירן אין לאקאלע פארפלייצונגען און העכערע וואסער שטאפלען אין טייכן***

***פארפלייצונג וואַטש אין קראפט פאר מערב און צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס און נארט קאנטרי ביז דאנערשטאג נאכמיטאג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמוטיגט ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר פאטענציאלע פארפלייצונגען צוליב ווארעמע טעמפעראטורן און רעגן, אנגעהויבן דינסטאג נאכט און אנגייענדיג ביז דאנערשטאג. טעמפעראטורן וועלן זיך הייבן אריבער די סטעיט אנגעהויבן דינסטאג, מיט טייל פלעצער זעהענדיג נאענט צו 60 גראד. העכער פון נארמאלע טעמפעראטורן צוזאמען מיט ביז אזויפיל ווי אן אינטש פון רעגן קענען רעזולטירן אין לאקאלע פארפלייצונגען און העכערע וואסער שטאפלען אין טייכן מיט אנגעזאמלטע אייז שטיקער, באזונדערס איוף וואסער שטרוימען אין מערב און צפון פון צענטראל ניו יארק.

"ניו יארק איז נישט קיין פרעמדע צו עקסטרעמע וועטער און די פאטענציאלע סכנה פון פארפלייצונגען", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע פאלגט נאך די וועטער פון די נאענט און וועט ארויסשיקן הילפס-מיטלען אויב נויטיג צו האלטן ניו יארקער זיכער, און איך מוטיג יעדן איינעם צו בלייבן וואכזאם און נאכפאלגן די וועטער פארשאצונגען פון די נאענט דורכאויס די קומענדיגע פאר טעג."

עס איז דא א פארפלייצונג וואַטש אין קראפט פאר מערב ניו יארק, די צפון פינגער לעיקס, צפון צענטראל ניו יארק און די טאָג היל פלאכלאנד געגנט און די נארט קאנטרי פון דינסטאג נאכמיטאג ביז דאנערשטאג נאכמיטאג צוליב צולאזטע שניי, רעגן און באוועגונג פון אייז. פארפלייצונגען צוליב אנגעזאמלטע אייז שטיקער וועלן זיין מעגליך, באזונדערס איוף וואסער שטרוימען וואו בלאקירונגען זענען שוין באריכטעט געווארן. פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס ( National Weather Service) וועבזייטל. ניו יארקער ווערן אויך געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכ'ן זיך איינשרייבן פאר NY Alert — אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

**אגענטור פארברייטערונגען**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( New York State Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES)**

די דיוויזיעס אפיס פון עמערדזשענסי באהאנדלונג (Office of Emergency Management) שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע מיטארבעטער און זענען גרייט צו אנפירען פארלאנגען פאר הילף. סטעיט אנגעזאמעלטע פראדוקטן זענען איינגעשטעלט און גרייט ארויסצוגעבן עמערדזשענסי אנטווארט און צוגעהערן לויטן באדערפעניש. די סטעיט וואַטש צענטער (State Watch Center) פאלגט נאך פון די ווירקונגען אריבער די סטעיט. פארפלייצונג זיכערהייט טיפּס קענען געפונען ווערן אויף www.dhses.ny.gov.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)**
די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז גרייט זיך אפצורופן מיט מער פון 3,763 סופערווייזערס און טראק דרייווערס. איינגעשטעלטע אין די דעפּארטמענט פאלגן אקטיווערהייט נאך געוויסע געגנטער וואו עס איז באקאנט צו קענען האבן פראבלעמען, און זיי זענען גרייט צו אונטערנעמען שריט ווי נויטיג זיך צו אפגעבן מיט פארפלייצונגען. שטאבן קענען צוזאמגעשטעלט ווערן פאר סיי וועלכע סארט אפרופונג וואס איז נאר נויטיג, אריינרעכנענדיג אפרופונג צו פארפלייצונג, מאכן טשיפּס פון ביימער, לאדענען און שלעפן, סוער דזשעט, שניידן און אוועקווארפן, אנווייזן טראפיק א.א.וו. DOT מאנשאפטן ארבעטן אויך צו אוועקנעמען שניי בערגלעך און צו איבערקוקן און אוועקנעמען בלאקירונגען פון וואסער אפלויף לעכער און וואסער טונעלן נאך פאר פראבלעמען קומען ארויף. אלע באטראפענע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן בלייבן מיט מאנשאפטן אויפן ארט מיט מאשין דרייווער, סופערווייזערס און מעכאניקער דורכאויס די גאנצע שטורעם, און אלע אזעלכע געגענטער וועלן ווערן די ערשטע אפגערייניגט.

די צאלן פון עקוויפּמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,610 גרויסע זאמד טראקס
- 349 גרויסע לאודערס
- 90 טשיפערס
- 83 עקסקעוועיטער טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 15 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 12 בוימער מאנשאפט באָקעט טראקס

די נויט פאר נאך מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org/#:Alerts, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority)**
די טרו-וועי אויטאריטעט האט 693 מאשין דרייווערס און סופערווייזערס שטייענדיג גרייט זיך צו אפרופן צו סיי וועלכע ווינט, פארפלייצונג אדער וועטער-פארבינדענע פראבלעמען אריבער די סטעיט מיט קליינע ביז גרויסע שארער/זאמד טראקס, מיטלמעסיגע עקסקעוועיטאר טראקטארס, גרויסע לאָודער טראקטארס, וואקיום טראקס, רוקעווודיגע פאמפּס, עלעקטרישע זעגן, בוימער שניידער און אנדערע געצייג. אין צוגאב גייען מאנשאפטן פון די אויפהאלטונג דיוויזיע ארום צו אינספעקטירן, אוועקנעמען בלאקירונגען און אויפהאלטן די גרובער לענגאויס די שאסיי, וואסער טונעלן און שטורעם וואסער אפלויף לעכער צו מאכן שטורעם וואסער אוועקפלוסן ווירקזאמערהייט פון שאסיי איבערפלאכן און פון די אונטערשטע שיכטן פון די שאסיי צו פארמיידן פארפלייצונגען אויף די שאסיי.

עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאושעל מידיע ווערן גענוצט צו ווארענען דרייווערס וועגן וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי. די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. די עפּ גיבט פאר דרייווער דירעקטע צוטריט צו בשעת-מעשה'דיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמעראס און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און פאַלאָווען @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי האט אנגעוויזן פאר אלע טרופּערס צו בלייבן וואכזאם, און זיי וועלן ארויסשיקן נאך פאטראלן צו באטראפענע געגנטער ווי נויטיג. אלע פאָר-וויהל דרייוו קארן און טרעקלעך זענען אין דינסט, און אלע ספעציאליסטישע וויהיקלס, אריינרעכענענדיג יו טי ווי טרעקלעך, ווערן אוועקגעשטעלט וואו עס וועט מעגליך אויספעהלן און גרייט געמאכט צו ארויסגעשיקט ווערן.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS)**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן בערך 5,500 ארבעטער וואס שטייען גרייט לענגאויס די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, רעאגירן, און דורכפירן פארעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט איבער ניו יארק סטעיט, ווי עס פעלט אויס. אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( New York State Department of Environmental Conservation, DEC)**
DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס, און ראיאנישע שטאב בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די אנטוויקלנדע סיטואציע און וועטער פארשאצונגען. ארבעטנדיג מיט שותפות'דיגע אגענטורן, איז די DEC גרייט צו קאארדינירן די ארויסגעשיקטע מיטלען מיט אלע כלים וואס שטייען גרייט צו גענוצט ווערן, אריינרעכענענדיג ערשטע הילף מאנשאפטן, צו געציהלטע געגנטער אין פארברייטונג פאר פאטענציאלע ווירקונגען צוליב שווערע רעגן און פארפלייצונגען.

וועטער און שטורעמס וואס זענען שווער צו פאראויסזעהן אין די עדיראַנדעקס, קעטסקילס און אנדערע קאַנטרי ראיאנען, קענען שאפן אומערווארטעטע געפערפולע אומשטענדן. באזיכער זאלן זיין גרייט מיט פאסיגע קליידונג און עקוויפמענט פאר רעגן, שניי, אייז און קעלט צו פארזיכערן א זיכערע דרויסנדיגע ערפארונג. טרעילס האבן איסגעמישטע אומשטענדן פון שניי, אייז, 'סלאָש' און בלאטע.

הייקערס ווערן געראטן צו צייטווייליג אוועקשטיין פון אלע העכערע טרעילס און אזוי אויך פון טרעילס וואס גייען אריבער טייכן און וואסער שטרומען. שפאצירער אין די אדיראנדאקס ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן די אדיראנדאקס בעק-קאנטרי אינפארמאציע וועב-בלעטער פאר די לעצטיגע נייעס איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנישע גאס פארשליסונגען, און אלגעמיינע אונטערהאלטונג אינפארמאציע. קאָנטרי באזיכער זאלן הייקן קלוגערהייט און אויספאלגן די נויטיגע זיכערהייט אנווייזונגען. פלאנירט אויספלוגן זיך רעכענענדיג מיט דעם. אין אן עמערדזשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט -1 833-NYS-RANGERS.

מיט ווארעמערע וועטער ערווארטעט דורכאויס די וואך, דערמאנט די DEC פאר מענטשן וואס האבן ליב דרויסנדיגע אקטיוויטעטן צו האלטן אן אפענע אויג אויף די אומשטענדן ביים הייקן און צו זיין פארזיכטיג ביים ארויפגיין אויף אייז. כאטש טייל וואסערן קענען אויסקוקן פארפרוירן, עצה'ט די DEC פאר

ליבהאבער פון דרויסנדיגע אקטיוויטעטן צו איבערקוקן אייז זיכערהייט אנווייזונגען בעפארן זיך ארויסלאזן.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטערפונגען. פארק באזיכער זאלן באזוכן parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**פארפלייצונג זיכערהייט טיפס**

- לערנט אפ די זיכערסטע וועג פון אייער היים אדער ביזנעס צו הויכע, זיכערע ערד אין פאל וואס איר דארפט זיך ארויסיאגן פונדערהיים.
- אנטוויקלט א 'פאמיליע אנטלויף' פלאן און מאכט איבונגען דערויף און באשטימט א פלאץ וואו פאמיליע מיטגלידער וועלן זיך צוזאמטרעפן אויב זיי ווערן צוטיילט.
- מאכט א פרטיות'דיגע ליסטע פון אלע ווערטפולע זאכן, אריינגערעכנט מעבעל, קליידער און אנדערע פערזענליכע חפצים. האלט די ליסטע און א זיכערע פלאץ און נעמט אין באטראכט צו מאכן בילדער און ווידעאוס פון די אלע זאכן.
- לייגט אוועק אן עמערדזשענסי מאגאזין פון עסן קאנעס, מעדיצינען און ערשטע הילף סופּלייס און וואסער צו טרונקן. האלט טרונק-וואסער אין ריינע פארמאכטע קאנטעינערס.
- פלאנירט וואס צו טוהן מיט אייערע שטוב חיות.
- האלט מיט זיך א פארטעבעל ראדיאו, פלעשלייטס, עקסטערע באטעריעס און עמערדזשענסי קאכן געצייג.
- האלט אייער קאר אנגעפילט מיט גאז. אויב לעקטער איז אפגעהאקט, איז מעגליך אז גאזאלין סטאנציעס וועלן נישט קענען פאמפן ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלט א קליינע דיזעסטער סופּליי פעקל אין די טראַנק פון אייער קאר.
- געפונט אויס וויפיל פיס אייער פּראפּערטי איז העכער און נידעריגער פון מעגליכע פארפלייצונג שטאפּלען. ווען ערווארטעטע פארפלייצונג שטאפלען ווערן איינגעמאלדן, וועט איר קענען פעסטשטעלן אויב איר קענט מעגליך פארפלייצט ווערן.
- האלט מאטעריאלן ווי זאמד זעקלעך, פליייוואד, פלאסטישע צודעקן און האלץ ביים האנט צו אפשטעלן וואסער אין פאל פון עמערדזשענסי.
- קוקט איבער אייער אינשורענס דעקונג. היים אייגנטומער'ס אינשורענס פאליסיס דעקן געווענטליך נישט פארפלייצונג שאדנס. נאר פארפלייצונג אינשורענס קען באשיצן אייער היים קעגן פארפלייצונג שאדנס. איר קענט זיך איינהאנדלען פארפלייצונג אינשורענס אפגעזעהן פון אויב איר וואוינט אין א פלאץ וואס איז באשטימט אלץ א פארפלייצונג זאנע אדער נישט.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער באגריפן און געדאנקען וויאזוי זיך צו גרייטן בעפאר, דורכאויס און נאך א שטורעם, באזוכט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס וועבזייטל אויף https://www.dhses.ny.gov/flood-safety-tips.

###

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן